# בינטשע די צדיקתטע

## אדער

## די איינגעפאלענע באד.

דער וואס האט פיעל צייט און האט פערגעניגען ליינע
זאל דאס ביכעל האבען ביי זיך אין שטוב
איך האב דאס מיט פיעל מיה געמאכט
יעדערס צו זיין זאך גוט געטראכט
דאס ביכעל איז גוט דיא צייט צו פאר ווילען
דערהויפט ביי דעם לייענען זיך גישט צו איילען
פיליכט ווערט זיך איינער נעמען אין זינען
פאר וואס ער האט דא קיין הסכמות נישט געפונען
גלויבט, אז איך האב דאס נישט געמאכט געלט צו פערדינען
נאר עפעס רעכטס האב איך ליעב יעדען צו פערגינען.

פרייז 5 קאפ'

פערלאג און איינענטהום פון ביכהאנדלונג
ב. קנאסטער, ווארשא, פראנציסקאנער 29.

ווארשא

שנת תרע"א לפ"ק

БИНЦА ДИ ЦЕДЕКЕСТА. Разсказъ

ВАРШАВА, 1911.

# דיעזע פארשוינען שפיעלען די ראלע.

| | |
|---|---|
| בינטשע מיט די ספראווע | דער דאזער מיט'ן יונגעל |
| טאלצע די גאבעטע | ר' אלחנן שמש |
| די בלינדע שבע | ר' משה גרינגעלעס |
| חיי גיטיל חלאסט | ר' אברהם שרכן |
| שרה שמאלץ מיט די פאבריק | ר' לייזער מאגעלעס |
| באשע אדעס | ר' משה דוד פ.. |
| מאלע פעשע | ר' משה מרדכי מלמד |
| מאטיל די קנעטערען | ר' דוד חלאסט |
| מרים אינדע די טיקערען | ר' שלום יאפקע |
| די בעל דברקע | ר' ישראל פראסט |

---

## בינטשע די צדיקתטע.

גוט מארגען בינטשע. איך שלאג אייך איבער די רייד, מיר זאלען האבען נחת און פרייד.

טאלצע זאגט צו בינטשען. איך וועל אייך דערציילען נייעס.

בינטשע. וואס פאר א נייעס, סטייטש איהר האט דען גישט געהערט.

בינטשע. ניין איך זאל אזוי קיין שלעכטס נישט האבען.

טאלצע. חא חא חא, קליינע קינדער שמועסען שוין דערפון און איהר ווייסט גאר נישט.

בינטשע, נו לאמיך שוין וויסען.

טאלצע. איך וועל אייך זאגען נאר עס זאל זיין בסוד.

בינטשע קומט נאר אוועק אין א זייט. איהר זאלט וויסען אז עס איז געבליבען בהסכם אין דער גאנצער שטאדט. אז מען זאל איינלייגען די באד.

בינטשע: אוי גאט איז מיט אייך וואס רעדט איהר. ווי [illegible] מען זאל איינלייגען די באד.

טאלצע. עס דאס וואס איהר הערט.

בינטשע. אוי עס איז מיר גישט גוט, [illegible] געהאט נראר אין דער פאר, לאזען זיי זיך בעסער [illegible] די גלאבע ווענד, [illegible]



טאלצע, סטאטש איך האב דאך אייך דאכט זיך געזאגט אז דאס זאל זיין בסוד.

בינטשע. נו גוט גוט טהוט מיר שוין חנאה.

בינטשע. איהר זאלט מיר געזונד זיין וואס זאגען אויף דעם די דאזערעס.

טאלצע. חא חא חא. טאקי נאר פון די דאזערעס קומט עס דאך ארוים. בינטשע. נו אז עס איז יא אזוי מוז איך עס נישט שווייגען און איך וועל טאקי געהן צו די דאזערעס.

בינטשע לויפט נישט טויט נישט לעבעדיג און קומט אריין צום דאזאר פעריאחמעט מלא רציחה. גוט מארגען ווי איז דער דאזער. רופט זיך אן דעם דאזערס ווייב מיט א פרעהליך פנים. הא. בינטשע. גוט מארגען גוט יאהר. צום געזונד זאלט איהר פרעגען, וואס דארפט איהר עפיס האבען מיין מאן. בינטשע ענטפערט אויף די נידעריגע שטימע איך דארף עפיס מיט איהם צו רעדען. אין דעם קומט אן דער דאזער פון מקוה און טרעפט בינטשען זיצען אויף די שלאף-באנק.

בינטשע וואס טהוט איהר עפיס ביי מיר א פנים עס מוז שוין זיין נייעס. בינטשע, א פנים עס איז יא אמת וואס די וועלט זאגט ווער עס פיהלט זיך דער מיינט זיך. און בינטשע טהוט זיך אזוי א שטעל אויף מיט כעס איהר האט זיך שוין נישט געהאט אין וואס אנצוחאפען נאר אין די באד וואס ווילט איהר פאר אומרייניקען א שטאט. נו נו, אדרבה הייבט אן מיט געמיינע לייט. דער דאזער, הכלל בינטשע רעדט נישט קיין סך איך עפען באלד מיט אייער קאפ די טהיר, ארוים אלטע מכשפה פון מיין שטוב.

בינטשע לויפט ארוים זייער דערשראקען פאר גרוים שרעק איז איהר דאס פארטיך אראבגעפאלען און די קאפקע האט זיך איהר ארויפגערוקט עס האט נאר ווייניג געפעהלט מען זאל איהר די האר פון קאפ ארויסזעהן, און לויפט צוריק צו טאלצען עפיס קלערען א מיטעל וואט מען זאל טהון.

בינטשע קומט אריין צו טאלצען מיט א פארביטערט הארץ.

גוט נאוועגר טאלצע. גוט נאוועגר גוט יאהר.

בינטשעשי: וואס הערט זיך אוי לאז מיך שוין אפ, איך געה דאך צוגר מאקי פון דאזער. ער האט מיך נאך געוואלט שלאגען.

טאלצע. וועהט איהר שוין איך האב דאך אייך געזאגט געהם נישט עס אין [illegible].

בינטשע, איך בעט אייך טאלצעשי לעגט מיר נישט קיין
שטיינער אויפ'ן הארץ איך האף נאך צו גאט עס וועט ווערען א
שינוי מיט גאט צו הילף ווי בינטשע לעגט זיך אריין מוז עפים נולד
ווערען. נאר מען מוז זיין געדולד. איך וועל מיך נאר זעהען מיט
ר' אלחנן שמש און טאקי מיט ר' משה גרינעלעס וכדומה ונראה
דברי מי יקום מיר וועלען שוין זעהן ביי וועלכעס עס וועט בלייבען
שטעהן. און א גוטע נאכט טאלצע, אזוי א גוט יאהר הלואי מיר
זאלען זיך זעהען אין מיין נחת ווי מיר זעהן זיך אצונד.

בינטשע טהוט א פעררים דעם קאפ און זאגט אמן אמן.

אויף צומארגען אין דער פריה געהט בינטשע אין שול אריין
און איז מזכיר דעם דאזער מיט די באד און דאוועגט אב און געהט
אהיים און זי שיקט נאך ר' אלחנן שמש און נאך ר' משה גרינעלעס
און נאך די רעשט חברה היימישע מענטשען און מען זעצט זיך צום
טיש און עס ווערט א געפילדער. איז געבליבען אזוי איינעם זאל מען
ארויסשיקען צום קאטעווער צדיק און איינעם קיין מאקעוויץ און מען
זאל טאקי נישט זאלעווען קיין געלד נאר מען זאל געבען שפארע
פדיונות.

הכלל די צוויי משולחים פארען אוועק און האבען זיך אבגע־
זאמט אכט טאג און זענען אהיים געקומען פונקט די וואך פון פרשת
קרח. פרייטאג ביי טאג זיינער פיער זענען געגאנגען די חברה א קוק
טהון אויפ'ן שול הויף דער שול הויף איז געווען פול מיט בעלי בתים
די צוויי לייט פרעגען וואס איז דא אזוי איין געפילדער איז צוגעגאנגען
ר' משה מרדכי מלמד און ר' אברהם שדכן און ר' שמואל חיים בפה
אחד. עולם הייגט האט איהר נאך צייט צו געהן אין מרחץ אריין.
נאך שבת וועט מען איינלעגען די באד.

מיינע ליעבע לעזער קענען פערשטעהן ווי גרויס דער נאראד
איז געווען אין באד מען איז געשטאנען קאפ אויף קאפ דער בעדער
האט דעם פרייטאג אנגעשיט פולע קעשענעס ווי נאר א שלעכטען
דרייער האט מען געבראכט דעם בעדער.

א געוועהנליכע באד אן א בעזעם האט געקאסט פיער גראשען
מיט א בעזעם זעקס גראשען א בעזעם מיט א שעפעל אכט גראשען.

פארנאכט האבען זיך אנגעהויבען שיטען דער מיטעלער נאראד.
היינו ר' יהושע גראניצע... ר' שמואל דער בלינדער... ר' שלום
ר' משה דגר פ... ר' ישראל פראסט־
ראפקע... ר' נחמן קאפקע...
דאס זענען די מיטעלע מענטשען.



ליבע לעזער ווען איך זאל אייך וועלען אלע אויסשרייבען
וואלט איהר מיעד געווארען ליינענדיג.

נו לאמיר שוין לאזען שטיין דעם שול הויף מיט די בעלי בתים
און צוריק געהן צו בינטשען.

פונקט פרייטאג צונאכטס פרשת קרח האט בינטשע געהאט
א ליל טבילה.

אין די קליינע שטעטליך איז א מנהג די נשים נאך דער טבילה
קוקען אריין אין בית המדרש כדי זיי זאלען זעהען הייליגקייט וועט
פון איהר ארויסקומען א בן תורה. און וואס פאר א יונגעל זי טרעפט
אויפ'ן וועג ניעט זי איהם א קניפ...

ווי בינטשע געהט אוועק פון בית המדרש האט זי געטראפען
אויפ'ן וועג דעם דאזארס יונגעל האט זי איהם א קניפ געגעבען.

דאס יונגעל איז געבליעבען שטעהן זעהר דערשראקען און איז
אהיים געלאפען צום פאטער מיט א געוואלד.

דער פאטער פרעגט איהם וואס ביסט דו אזוי דערשראקען? דער־
צעהלט ער איהם אז בינטשע האט איהם א קניפ געטהון.

זאגט אזוי דער פאטער איך מוז אריבערגעהן צו בינטשען און
איך וועל איהר פרעגען פאר וואס זי האט דיר א קניפ געטהון.

ווי דער דאזאר איז אריינגעקומען צו בינטשען אין שטוב האט
ער זי געטראפען זיצען ביי דעם צימעס הגם דער צימעס איז אפילו
געווען פון בריקעוו נאר א פארע איז פון איהם געגאנגען אזוי ווי פון
די גרעסטע פאראווע מאשין.

בינטשע בלייבט זיצען זעהר דערשראקען און פרעגט דעם
דאזאר וואס טהוט איהר עפיס אצונד ביי מיר.

זאגט אזוי דער דאזאר מיט כעס פאר וואס האט איהר געשלא־
גען מיין יונגעל.

רופט זיך אן בינטשע גאט איז מיט אייך וואס רעדט איהר.
ווי הייסט איך וועל שלאגען אייער יונגעל ווי קום איך צו אייער
יונגעל.

זאגט דער דאזאר מטייטש איהר האט אויך איהם געטהון א
קניפ דאס יונגעל האט שיער געחלשט.

די בינטשע האט זיך דערמאנט און זי שעמט זיך זעהר פאר
דעם דאזאר צו פערענטפערן און לייקענט גאר אב די גאנצע מעשה.

דער דאזאר געהט אוועק מיט גרוים כעס. באלד נאך הבדלה
איז דער דאזאר געלאפען צום סענדזע מיט א פאראניע.

מי יודע וויפֿיעל דאָס געשעפֿט וועט אָבקאָסטען לעת עתה איז עס אויסגעגאַנגען אין די גובערניע אַרײַן . לאָמיר די ספּראָוון לאָזען שטעהן און מיר וועלען זיך נעמען צוריק צו דער באָד . . .

ויהי היום איז געוואָרען אין שטעדטעל גרויסע מחלוקת . איין צד האָט געזאָגט אַז מען זאָל נישט אײַנלעגען די באָד . און דער אַנדערער צד האָט געזאָגט אַז מען זאָל יאָ אײַנלעגען די באָר . איז געבליבען אַז מען זאָל מאַכען איין אסיפה און אַלע גרויסע לײַט זאָלען זיך אַרײַנלעגען , און טאַקי דער רב אויך . מען האָט אויסגעזעצט אַ צײַט אין וועלכען טאָג עס זאָל זײַן די אסיפה און אויף וועלכען אָרט . איז געבליבען די אסיפה זאָל זײַן אין סאַמע מיטוואָך בײַ טאָג זײַגער דרײַ , און דאָס אָרט זאָל זײַן לעבען די נײַע דרעקציע . אַזוי איז געווען , איז געבליבען בײַ די אסיפה אַז דער צד זאָל צונויף נעמען חתימות און דער אַנדערער צד זאָל צונויפנעמען חתימות און וועלכער צד עס וועט האָבען מײַן חתימות וועט דער אַנדערער צד אויך מוזען בעשטעהן . האָט מען אַרויסגעשיקט מענטשען פֿון בײַדן צדדים נאָך חתימות . איין קאָמפּאַניע איז געגאַנגען אויף די יאַטקע גאַס . און די אַנדערע אויף די פּאָצטאָווע גאַס אַזוי האָבען זיי זיך אָבגעשמועסט .

נאָר ר׳ היללם גאַס מיט׳ן שול הויף איז געבליבען דער וואָס וועט זײַן שטאַרקער דער וועט האָבען די חתימות .

מײַנע ליבע לעזער איך מוז אײַך קלאָר מאַכען אין די צווײַ גאַסען דאָרט וואָהנען אַלע סופֿרים און אַלע שמשים אַלע מלמדים אַלע שוחטים אפֿילו אַז מען דאַרף האָבען אַ בײַטעל פּראַכנע אויף אַ ברית מילה בעקומט מען אויך אויף די גאַסען . אין דער שטאָדט-בוך אין דער בוך פֿון די חברה קלעפּקע . און פֿון אַנדערע חברות . דער שליסעל פֿון בית הקברות און דער מאַגאַזין פֿון די באָר בעזעמלעך אפֿילו דער מײַנסטער וואָס ער אַרבײַט תכריכים זיצט אויך אויף יענע גאַסען קענט איהר זיך שוין פֿאַרשטעלען וויפֿיעל חתימות מען קאָן פֿון דאָרט אַרויסשלעפּען . . .

ויהי היום די צווײַ קאָמפּאַניעס האָבען זיך געטראָפען אויף די שול גאַס און זענען אַלע אַרײַן צו איין בעל חבית ער וואַר מיט זײַן פּשרן[?] נאָמען ר׳ יודעל גראַטש איך וועל אײַך פֿאַרשטעלען דעם מענטש . אַ גראָבע נאָז איין אומרײַנעם קאָפּ אַ בלינד אויג אַ אויסגעדרעהט מויל אַ נאַרב אויף די פּלײַצע , קרום אויף בײדע פֿיס . גם [illegible] די מלך בקצור אַ בעל-הבית מיט אַלע מעלות .



[illegible] האָבן זיך [illegible]
ב״ה הצל״ל די צווײַ קאָמפּאַניעס האָבן זיך [illegible] כען און דער ר׳ יודיל גראַטש איז געבליבן זיצן אַזוי ווי אָנגעטאָן[?] ער האָט אַליין נישט געוואוסט ווי זיך אונטער צושרײַבן . און שטוב איז געוואָרען אַ גרויס געפּילדער אַ געשרײַ אַ געוואַלד בית מען האָט זיך אָנגעהויבן צו שלאָגן .

אין דעם איז אַרײַנגעלאָפֿן איינער פֿון די פּילעוואָסן[?] זײַן נאָמען איז ר׳ דוד חלאַסט האָט ער איין עצה געגעבן אַז מען זאָל נעמען אַ פּאַטשטשילע און מען זאָל טאַקי נאָר פּשוט מאַכן אַ קנײַפּ וועלכע קאָמפּאַניע וועלען אַרויסנעמען דעם קנײַפּ דאָ מוז זיך דער ר׳ יודיל גראַטש אונטערשרײַבן . אַלע האָבן מסכים געווען דערצו וואָרום זיי האָבן דאָך געזעהן אַז דאָס איז איין שטאַרקער אײַנפֿאַל .

בקצור די קאָמפּאַניע וואָס זײַ נעמען צונויף חתימות אַז מען זאָל יאָ אײַנלעגען די באָר . האָבן צו מאָל געוויזן אין האַרט געוואָרען צווישען זײַ אַ גרויסע שמחה . דער ר׳ יודעל גראַטש האָט זיך צו מאָל אונטערגעשריבן .

און די אַנדערע קאָמפּאַניע זענען אַרויסגעגאַנגען זייער פֿאַרשעמט אבל וחפוי ראש .

ליבע לעזער איהר קענט זעלבסט פֿאַרשטעהן זייער עגמת-נפש .

עס איז געקומען דאָנערשטיג בײַ נאַכט איז מען שוין געווען פֿאַרטיג מיט די גאַנצע שטאָדט חתימות . די צווײַ קאָמפּאַניעס זענען אַרײַנגעגאַנגען פּלאָון[?] צום רב מיט די חתימות דער רב האָט זיך סבין[?] געווען און האָט אָנגעהויבן איבערציילען די חתימות איז געבליבן אַז מען זאָל די באָר אײַנלייגען וואָרום דאָס צד האָט געהאַט מײַן מיט דרײַסיגן[?] חתימות פֿון יענעם צד איז געבליבן אַז מאָרגען אין דער פֿריה זאָל זיך גאַנץ קהל צונויפֿקומען און מען זאָל אײַנלייגען די באָר .

אַ גאַנצע נאַכט איז [illegible] חושך אין שטעדטעל . נאָך האָט געהאָלפֿן עס איז געוואָרען טאָג . זענען אַראָבגעגאַנגען די טובי-עיר די גרעסטע לײַט פֿון די שטאָדט מיט כלי מלחמה איינער מיט אַ רידעל[?] איינער מיט אַ דראָנג איינער מיט אַ שטײַן . ווי זיי האָבן געהאַלט אײַנלײַגען די באָר איז געוואָרען אַ גרויס געוואַלד פֿון יענעם צד מען האָט זיך אָנגעהויבן נאָר אויפֿ׳ס נײַ צו שלאָגן דעם רעכטן קאָפּ ר׳ אלחנן שמש האָט מען געבראָכן [illegible] צו דער באָר האָט מען מיט איהם אַליין אַ גאַנצע וואָך [illegible] דעם איינער [illegible] אַרויסגעוואָרפֿן אויף די באָר [illegible]

האט געהאלפען די באד איז אליין צופאלען געווארען אויף שטיקלעך
מען האט גאר נישט געדארפט האבען קיין כלים זי איז שוין נעבעך
געווען פון צעהן יאהר פערפוילט.

אצונד ליעבע לעזער לאמיר די באד לאזען ליגען און מיר
וועלען דערצעהלען פון בינטשעס ספראווע...

אין א קליינער צייט ארום איז אנגעקומען וויזעוואנעס פון סענאט
בינטשע האט געקריגען א וויזעוואנע און דער דאזאר און צוויי עדות
ר' נחמן קליצקע און ר' שמואל סטראנקע די גאנצע חברה זענען גע-
קומען אין די גובערניע אריין. ווי בינטשע קומט אריין צו דער
ספראווע דערזעהט זי די צוויי עדות ר' נחמן קליצקע און ר' שמואל
סטראנקע פרעגט זי זיי וואס טהוט איהר עפיס דא ענטפערען זיי
סטייטש איהר ווייסט גאר נישט מיר זענען דאך עדות אז איהר
האט דעם דאזארס יונגעל א קניפ געטהון. די בינטשע ווערט ווייער
דערשראקען און זי האט טאקע פאר יסורים געטהון א גרויסען שמעק
טאבעק. און זי האט א נאס געטהון. ווי הייסט איהר האט דען געזעהן.
זי ווייסט געפעהה דעם אמת אז יענע נאכט ווען זי איז טבילה
געגאנגען איז ביי איהר קיינער נישט געווען.

נאר זאגט זי צו זיך אליין ערשט זעה איך אז עס איז אמת וואס
חיי הנביא האט געזאגט אין די הגדה אזנים לכותל יש. דאס הייסט
נאסען האבען אויגען און ווענד האבען אויהרען...

דער דאזאר שטעלט זיך אנידער פאר'ן סענדזשע און הייבט
אן דערצעהלען די גאנצע מעשה.

פראשע פאני סענדזשע מאי חלאפיק יידזשע, טען קאביטע ביע.
רופט דער סענדזשע צו איין עדות און ער פרעגט איהם אויס
זאגט ער אויך אזוי יאק טען פאן דאזאר פאקאזשע טאק מאטשע.
דער אנדערער עדות זאגט נעך וואס בענדזשע טאק יאק באל.
אצונד הויבט מען צו בינטשין הייבט בינטשע אן צו זאגען
פראשע פאני סענדזשע יא יעסט פירשע דא באנע פאטעם דא טשעביע
יא יידזשע איז מקוה דראמע טען חלאפעק יידזשע איז בית המדרש
דראמע. אן יידזשע א יידזשע יאק טען סטאיע מישלע זע טא מאיען
קסיטש יא טילקא זא רענקע אן קסיטש געוואלד פראשע פאני יא נע
יעזדעם מאקי. נא חלאפעק זראביע מכה. יא פשינעשיע מאיע-
הבלי. פראשע פאני טען עדות יעסט שקר. און דער דאזאר מאכט
איז מן הסתם די ספראווע אבגעפאלען.
אן אפעלאציע...



די בינטשע קומט צוריק פון די גובערניע האט זי זיך געטראפען
מיט איהר קאמפאניע. ליעבע לעזער איך מוז אייך פארשטעלען
די גאנצע קאמפאניע.

די בלינדע שבע, חיי גיטיל חלאסט, די לאמע מילנערקע.
שרה שמאלק, באשע ארעם.
ובדומה, די גאנצע קאמפאניע מיט א הויכע שטימע, סקאנדיל
קומט בינטשע וואס האט איהר געמאכט מיט אייער ספראווע.
זאגט בינטשע אזוי פערזארגט אוי וואס האב איך געקענט מאכען
דער דאזאר האט געמאכט אנ'אפילאציע.

די בלינדע שבע ווערט זעהר דערשראקען און זאגט ווי הייסט
ער האט געמאכט א נייע פאליציע גאט איז מיט אייך וואס רעדט
איהר ער וועט פערפוילט ווערען אין קייטען. בינטשע טהוט קלאפ-
פארשט א שמייכעל צו דער בלינדער שבע און זאגט אזוי, שבעשי
האט מיר נישט פאראיבעל איהר זענט פון די אלטע וועלט איך בעט
איבער אייער כבוד איהר ווייסט נאך נישט ווי אזוי הייבט געהט
צו ביי די סענדזשעס. און בינטשע דערצעהלט נאך א מאל פאר די
קאמפאניע די טענות וואס זי האט בעלעגט ביי דעם סענדזשע כלם
בפה אחד. די גאנצע קאמפאניע ענטפערען בינטשע אזא יאהר
זאלען מיר האבען ווי גוט איהר האט זיך אויסגעשמועסט ווי הייסט
רופט זיך אן חיי גיטיל חלאסט איך בין יענע וואך ביי דעם אלטען
צדיק געווען האט מען דאך מיר גארנישט געלאזט רעדען.

בינטשע זאגט קינדערליך אצונד איז נישט דא קיין צייט צו
שמועסען וועלט זאכען לאזען מיר בעסער זעהן צו טראכטען א פאר-
טעל ווי אזוי איך זאל ניצול ווערען פון די אפילאציע.

באשע ארעם טהוט א גרויסען זיפץ.

שרה שמאלץ טהוט זי ארויף אוועק אין דער זייט און פרעגט
זי באשע ארעם וואס זיפצט איהר אזוי.

זאגט באשע ארעם נו נו לאז מיך שוין צורוה וואס איך זיפץ
עפיס אקלייניגקייט זי דארף נאך א מאל שטעהן אין סאנד און אליין
זעה'ן איהר ווייסט דאך דאכט זיך מיר נישט אז דוד המלך ע"ה האט
געזאגט אין די קינות החיים והלשון ביד המות. גוט זי האט זיך
דאס ערשטע מאל גוט אויסגעטענה'ט. נישט אלע מאל געשעהט נסים.

מיינע ליעבע לעזער קענען פערשטעהן ווי גרויס דאס צער איז
געווען ביי בינטשין און ביי איהר קאמפאניע.

בינטשע זאגט א טמען טאג אייך איך מוז געהן אהיים שלא-

פון דען איך בין א גאנצע נאכט נישט געשלאפען. פאר נאכט נאך מנחה זאלט איהר אלע קומען צו מיר אהיים און איך וועל שיקען נאך אלע מיינע גוטע פריינד וועלען מיר שוין אלע אינאיינעם איבער־שמועסען דאס געשעפט.

בינטשע געהט אהיים און די קאמפאניע צוגעהען זיך יעדער צו זיין געשעפט.

די בלינדע שבע געהט מאכען וויזיטין ביי די קראנקע, מיט א טייל זאגט זי ודוי. און מעסט פעלד. דאס איז שטענדיג איהר פראפעסיע.

חיי גיטיל חלאסט לויפט ארויס אויפ'ן דארף און קויפט אויף פערשיעדענע סחורות קארטאפלע שאלעכטס. א דריליכין פארטעך און קלויבט אן איבערן וועג אביסעל ראסראדניק וואס גאט באשערט.

די לאמע מילנארקע זי איז שוין אפילו טוידט פון דריי יאהר. נאר דאס געשעפט פיהרט זיך נאך.

אויף די פראנטאווע גאס שטעהט א מענטש פון איהר האנד מיט פערשיעדענע פרוכטען, מאקעווקעס, פאשלארקעס, באנעקערין, יענגאלקעס, פערפוילטע עפעלעך, און טאקי א ביסעל צעלניק אויך. דהיינו רויבארבע צענעס. לאקרעץ פלעציל.

שרה שמאלץ פיהרט א פאבריק זי ארבעט זאכען פארעכט אלטע פלידערען און דערנעבען א שטיקעל מסחר אז דער נייער חטשאוו קומט ארויס קלויבט זי אלע טאג אן א פול פארטוך חטשאוו און דאס ווערט פערקויפט מיט ריוח.

באשע אדעם האט פיל קענטעניס אין זיך זי טויג שוין צו אריפקיכען א קינד א באבעל אויסצושמירען און טאקי אז עס מאכט זיך א פארך אבצורייסען זי איז ב"ה א שטארקע מומחהטע.

נאט האט געהאלפען עס איז צו מזל נאכט געווארען די קאמ־פאניע זענען צוריק געקומען פון דער ארבייט און זענען געגאנגען גלייך צו בינטשען מען האט זיך אנידערגעזעצט שמיאלע ביי דעם טיש, בינטשע איז געזעסען אויבען אן. ארום איהר איז געזעסען די סוויטע און מען האט אנגעהויבען קלערען וואס צו טהון. מען האט געשיקט נאך די העשט קאמפאניע מאנסלייט און ווייבער, בינטשעס גוטע פריינד, מען איז אבגעזעסען ביז זייגער צוועלף ביי נאכט, די לייט האבען געזעהן אז עס וועט צו קיין ענדע נישט קומען, האט זיך געטהון א ריף אן מרים אינדע די טוקערין אויף דעם גראבען קל רבותים איך בעט איבער ענקער כבוד מיין עצה וואלט געווען



אזוי ווי מיר זיצען דא אלע זאלען מיר געהן אין שול ארייין און מען זאל מתפלל זיין יעדערע אשה מיט איהר תפילה און יעדערער מאנספערזאן מיט זיין תפלה און מען זאל טאקי וויינען און קלאגען אפשר וועט עפיס גאט רחמנות האבען אויף בינטשעס אלטע יאהר.

איז געווארען א גירעדעריי צווישען גאנצען גאראד אין אלע האבען מספים געווען אז מרים אינדע די טיקערין איז גערעכט עפיס א גוטער מלאך האט איהר די עצה געשיקט אין זינען ארייין...

הא גברא והא טראסקא.

דא רעדט מען און דא טהוט מען, מען שיקט עקסטרע א שליח מיוחד נאכ'ן שליסעל פון חבוט הקבר, דער שליסעל ליעגט ביי די אשה הצנועה מאלע פעשע און דער שליח איז געווען קרום אויף ביידע פיס א ביסעל טויב בלינד אויף ביידע אויגען. זיין נאמען איז ר' ליב טראסק.

ליבע לעזער איהר דארפט זעלבסט פערשטעהן אז מען שיקט אזא געשיקטען שליח נעדוויערט נישט לאנג. דער וועג עס האט נאר וואס אנגעהויבען בלאען אויף טאג דער שליח איז שוין צו מזל דא צוריק מיט'ן שליסעל עס איז געווארען א גרויס געפילדער ברוך הבא ר' לייב טראסק דער גאנצער גאראד טהוט זיך א שיט אויס מיט א מאל און מען געהט פלאוו אין שול אריין. בינטשע גייט פריער און די גאנצע חברה נאך איהר מען קומט פאר די שיל געהט צו בינטשע פאר די טהיר און קלאפט אן דריי מאל מיט דעם שליסעל אזוי ווי זי האט געטהון דעם דריטען קלאפ האט זיך דער צאהן פון דעם שליסעל אבגעבראכען איז געווארען א גרויסע מהומה אלע האבען געזאגט מען זעהט בעשיינפערלעך ארויס אז מען לאזט נישט פון הימעל מן הסתם איז עפיס דא א חטא אין שטאדט מען וועט מוזען גוזר תענית זיין און טאקי אויסרופען מיט די דריי אותיות ווער עס פיהלט זיך עפיס אדער ער ווייסט עפיס פון א חטא איז מען אויף איהם גוזר בגזירות אז ער זאל קומען זאגען צו בינטשען און טאקי נאך היינט זאל עס זיין מען האט טאקי באלד ארויסגעשיקט ר' אלחנן שמש מיט דעם גראבען שטעקען און ער האט שוין גערופען אין שול ארייין. דער פראסטער עולם האט אפילו געמיינט אז מען רופט אין שול אריין וועגען פאראמקעס צאלען העדוויל איז זיך דאס גאנצע שטערטעל צענויף געקומען אין שול ארייין און מען האט איבערגעשמועסט דאס גאנצע געשעפט פון אנהויב ביז אין סוף און מען האט טאקי נאר פשוט גוזר תענית געווען און מען האט געטהון

א זאג ארויס טאקי די דריי אותיות בזה הלשון אפשר ווייסט איינער פון אנדערען עפּים א חטא. אדער אפשר פיהלט זיך איינער ביי זיך עפּים א חטא. איז מען גוזר בגזירות אז ער מוז אויסזאגען.

אזוי ווי דער שמש האט אויסגערופען. האט געטהון א קריך אפּיר פון אונטער דעם טיש ר' אהרן שמערקעס מיט א הייזעריגע שטימע רבותים איך וואלט אפילו נישט געזאגט נאר ווייל מען האט גוזר געווען בין איך גענייט צו זאגען דעם אמת אצונד טהוט מיר שוין באנג פאר וואס איך האב ביז אהער נישט אויסגעזאגט איהר זאלט וויסען אז פאר צוויי וואכען בין איך געווען אין סטאק אויפ'ן ארט. האב איך אליין געזעהן באשר ארון דיקערס זוהן איז געגאנגען מיטוואך ביי טאג אין אויסגעפוצטע שטיוועל און איך מיין אז דאס איז נישט דאס ערשטע מאל.

דער גאנצער עולם איז געבליבען שטיין אהן לשון זעהר דער־שראקען אט אזוי האט געדויערט א פאר מינוט איז געווארען א געשריי כלם כפה אחד בזה הלשון עס זאל אויסגעהן צו זיין קאפּ. און צו זיין הענד און צו זיין לייב און לעבען. קיין אומשילדיגעס זאל דא גאר נישט געניסען.

און דאס קהל איז צוגעגאנגען צו ר' אהרן שמערקעס און מען האט איהם געזאגט מותר לך. מותר לך. מותר לך. און ר' אהרן שמערקעס האט געפאנדעוועט פאר'ן עולם א האלב קווארטירעל אקוויט.

דער עולם איז אהיים געגאנגען. און ר' אלחנן שמש איז גע־לאפען גיך מיט'ן שליסעל צו ר' ישעיה קאוואל ר' ישעיה האט צו מזל צוגעניטעוועט א צאן צום שליסעל און מען האט דעם שליסעל אהיים געפיהרט בינטשין מיט גרויס פאראד. מען האט באלד גע־שיקט א ידיעה צו דער גאנצער קאמפאניע אז דער שליסעל איז שוין צו מזל פאררעכט.

לעת ערב צווישען מנחה און מעריב איז זיך דער עולם טאקי בינטשעס קאמפאניע היימישע מענשען צונויף־געקומען איז געבליבען אז זייגער צוועלף זאל מען געהן אין שול אריין און מען זאל מתפלל זיין אזוי ווי עס דארף צו זיין.

זייגער צוועלף ביי נאכט זענען די גאנצע קאמפאניע געגאנגען מיט בינטשין צו דער שול מען האט טאקי פשוט געטהון דריי קלעפּ און מען האט אין א מזלדיגע שעה געעפינט די שול און אלע זענען פלאוו אריינגעגאנגען. און בינטשע האט זיך געוואשען די הענד אין האט געטהון א קיש די מזוזה. און זי איז צוגעגאנגען צו דעם ארון



קודש און האט אנגעהויבען מתפלל זיין.

ליעבע לעזער איך מוז אייך בעקאנט מאכען ווי אזוי בינטשע האט מתפלל געווען אין שול זייגער צוועלף ביי נאכט וואס דאמאלט איז א עת רצון אלע ווארטאווניקעס שטעהען אויפ'ן גאס עס איז שטיל אין שטעדטעל מען הערט נישט מיין נאר די אלטע בעלי בתים חראַ־פען פון די בעטען ארויס.

בינטשע געהט צו מיט א פערביטערט הארץ און די קאמפאניע ארום איהר.

בינטשע טהוט א לאז ארויס א יאמערליכען קול מיט דעם נוסח פון מעבר יבקי.

ראבּ יונה של עולם!
אני אמהך איך בינטשע דיין דיענסט.
בעט ביי דיר אז מיין תפלה זאל נישט זיין אומזינסט.
גערענקסטו זיסער גאט ווען מיין מאן האט מיר געוואלט געבען גט.
האבען מיר זיך ביידע אויך אביסעל איבערגערעדט.
איך האב מיך געוואלט אננעמען פאר די שטאָרט.
אז מען זאל נישט איינלעגען די באד.
איז מיר פערשטעלט געווארען אלע וועגען.
אין טאקי ר' אלחנן שמש האט נאך אליין געהאלפען מיט'ן קאפּ די באד איינלעגען.
יענע וואך האט זיך מיין מאן פערגלוסט.
בין איך טבילה געגאנגען איז מיר געשעהן איין אומגליק נאר אומזיסט.
ר' יונה של עולם די ווייסט דאך גוט אז איך בין מיר נישט געגאנגען נאכגעבען די תאוה.
העלף מיר אצונד ארויס פון מיין נויט אז איך זאל געווינען די ספּראווע.
אלע גוטע זכותין זאלען אצונד פאר מיר לויפען און בעטען.
אז איך בינטשע זאל חלילה נישט פערפוילט ווערען אין קייטען.
ראבּ יונה של עולם פארנעם מיין געבעט.
אז איך זאל נאך עפּים קענען גוטס אויף דער וועלט טהון אזוי ווי ביי מיר שטעהט.
אין דער תחינה פון שערי ציון.
זיי מיך מזכה אין זכות פון דער בלינדער שבע.
און זיי מיך מזכה אין זכות פון לוט הצדיק וואס ער האט ארויסגע־שריגען צדקה ממני פון דער תיבה.
זיי מיך מזכה אין זכות פון לאה מרדכים די בלינדע.

איך זאל פועלן אלדעם גוטס אין זכות פון די טיקערין מרים אינגרץ,
בעוויזן מיר דיינע וואונדער.
אז איך זאל נישט קריגן געשלאגען פון מיינע קינדער.
עניני בזכות טיטוס, בזכות קרח. בזכות בלשאצר. בזכות המן,
בזכות בלק בן ציפור, בזכות נבוזראדן. בזכות תרח.
בזכות בלעם. בזכות נמרד. בזכות ירבעם בן נבט ענינו:

ווי בינטשע האט געקאנטשעט די תפלה האט זי זיך געטהון א נייג פארן פרוכת און זי האט געזאגט א גוטן טאג. אין א קליינע צייט ארום וועלן מיר זיך ווייטער זעהען אין גרויס נחת.

אין די גאנצע קאמפאניע זענען געשטאנען ארום איהר און האבן אויסגעהערט די תפלות און האבן נאך-געזאגט אמן אזוי ווי תמיד.

בינטשע האט זיך אויסגעווישט די אויגען און זי האט געטהון א געשריי אויף די גראבע שטימע זייט מסכים אז בינטשע בת יאכפעס זאל האבן געפועלט אלדעם גוטס.

זיי האבן טאקי אזוי געטהון יעדערער איז צוגעגאנגען און האט אן געווינטשען אז זי זאל האבן געפועלט אלדעם גוטס.

און בינטשע האט אנגעצונדען א לעכט אויף ר' מאיר בעל הנס אין די קאמפאניע זענען זיך ביסלעך צוגאנגען.

בינטשע האט אליין פערשלאסען די שול אין ר' לייב טראסק האט אוועק געטראגען דעם שליסעל צו מאלע פאשע, אין מאלע פעשע האט אויך מסכים געווען אז בינטשע זאל האבן געפועלט אלדעם גוטס.

דער עולם איז זיך צוגאנגען יעדערער צו זיין געשעפט.

ר' לייב טראסק איז אויך נעגאנגען אנקלויבען א ביסעל פער־פוילט האלץ אויף פראבנע צו מאכען, ווארום דאס האט ר' לייב טראסק אבגעדינגען פון די שטאדט קיין אנדערער טאר דאס נישט מאכען נאר דער ר' לייב טראסק. הגם עס איז געווען איבער דעם פיעל מחלוקת אין שטעדטעל, נאר ר' לייב טראסק האט פארט גע־וויגען די דין תורה ווייל זיין פאטער האט זיך אויך געטראגט אין דעם געשעפט. איז געבליבען מעשה אבות יורשים בנים און א מנת ברכבם א דין ר' לייב טראסק בלייבט ביי דעם געשעפט.

יעצט ליעבע לעזער וועלען מיר בינטשין לאזען א ביסעל זיצען אין דער היים: און פון די טבערניע דארף שוין באלד אקומען פרישע וויזעוואנעס.

אויפ'ן דריטען טאג איז געווארען א גערויש און א געפילדער אין שטעדטעל, וואס. ר' פסח באטשטער האט שוין געבראכט וויזעוו־



נעס פון די גובערניע. ר' פסח געהט גלייך אריין צו בינטשין. און טהוט א געשריי גוט מארגען בינטשע ענטפערט בינטשע א גוט יאהר אויף אייך ר' פסח.

דער ר' פסח האט פונקט אין יענעם טאג געמאכט א ברית. און בינטשע געהט אויף אלע ארעמע ברית'ן האט זי געמיינט אז ר' פסח איז איהר געקומען בעטען אויפ'ן ברית. פרעגט זי איהם אזוי נו ווען וועט מען שוין יודעשין דאס קינד. רופט זיך אן פסח ווי א צומישטער. וואס פאר א יודעשין א קינד, וואס רעדט איהר בינטשע גאט אייך בעסער א וויזעוואנע פון די אפעראציע.

בינטשע בלייבט זיצען זייער דערשראקען זי שטארבט אב גליך וויים און זי זאגט אזוי אוי א בראך איז צו מיינע אלטע יאהרען, שוין ווייטער א זיברעוואנע.

פסח ווערט אין כעס און זאגט בינטשע דאס הייסט נישט קיין זיברעוואנע נאר א וויזעוואנע רופט זיך אן בינטשע נו נו לאז שוין זיין א וויזעוואנע עס מעג שוין זיין וואס עס וויל, עס איז מיר שוין אלעס איינס.

ר' פסח געהט אוועק גלייך צום דאזאר, און צו די ערשטע צוויי עדות, ר' נחמן קליצקע, און ר' שמואל סטראנקע. און גיט זיי אב די וויזעוואנעס, און ר' פסח געהט אהיים יודעשין דאס קינד.

די בינטשען לאזט עס שוין נישט רוהען, זי קען שוין אין שטוב נישט איינזיצען זי לויפט גלייך צו איהרע גוטע פריינד טאקי צו די ערשטע חברה.

ר' אלחנן שמש. ר' משה גרינעלעס. ר' אברהם שרכן. ר' לייזער מאנגעלעס. ר' יהושע גראניצע. ר' שמואל דער בלינדער. ר' שלום קאפקע. ר' משה דוד פ... ר' ישראל פראסט. ר' יודעל גראטש. א חוץ נשים. די בלינדע שבע, באשע ארעם, די לאמע מילנארקע. שרה שמאלץ, חיי גיטל חלאסט, מאלע פעשע. מרים חונדע די טיקערין, עטע די קנעטערין, די טשעבאכע. די בעל דברקע.

די גאנצע חברה זענען זיך צונויף געקומען צו בינטשען. די פאנגם האט מען געשמועסט א ביסעל פאלעטיק פון ווארשא ווי אזוי די קאלע געהט אין מיטען גאס. און אויף אלע גאסען וואקסט שטיקער אייזען און מענטשען האלטען דעכער אין די הענד.

באשע ארעם האט אויך דערצעהלט א ביסעל ניעס, אז זי האט אליין געזעהן אין ווארשא אויף די וואלאצע גאס

רורבלויפען אין איין מינוט אפשר הונדערט קאסטס מיט געלד,
עפיס אזוינע שווארצע פעסער לאנגע.
אין דעם טהוט זיך בינטשע אריף אז לאז שוין זיין גענוג
געשמועסט פאליטיק. לאמיר בעסער שמועסען וועגען מיין געשעפט.
זמרי בן סלי האט געזאגט אין פרק אין מעריבין שמחה בשמחה דער
טייטש איז איידער מען קאנטשעט דאס ערשטע געשעפט. טאר מען
זיך נישט נעמען צו איין אנדער געשעפט. אזוי ווי בינטשע אט דאס
אב געזאגט. האט חיי גיטיל חלאסט געטהון א שטארקען גאס. האט
בינטשע געזאגט חיי גיטיל צי זיך ביי די אויערן. און די גאנצע קאמ-
פאניע האבען געזאגט צום געזינד זאל איך זיין:
אין דעם האט אדעם געטהון א געשריי קינדערליך מיין עצה
וואלט געווען אז מיר זאלען אין איינעם ביי נאכט זייגער צוועלף געהן
אויפ'ן היליגען ארט און מען זאל רייסען קברים. און מען זאל אויס
זאגען דעם גאנצען מענה לשון. און די בליגדע שבע זאל מעסטען
פעלד. און איידער בינטשע וועט געהן אין די גובערניע אריין זאל
מען אנצינדען לעכט אין אלע שולען די ליכט זאלען ברענען ביז נאך
די ספראווע.
די גאנצע קאמפאניע האבען מסכים געווען בזה הלשון אזוי א
יאהר זאלען מיר האבען ווי באשע אדעם איז גערעכט.
נאר היינט ביי נאכט איז שוין צו שפעט גאט זאל שענקען דאס
געזונד. מארגען וועלען מיר שוין געהן.
גאט האט געהאלפען עס איז געקומען אין דער פריה איז
בינטשע ארויסגעגאנגען אויפ'ן שטעדטיל אויסזוכען א פאר עדות. ווי
זי געהט אזוי האט זי דערזעהן ר׳ לייזער מאנעלעס ער איז א יוד א
בן תורה. א נאז אזוי ווי איין אתרוג. איינגעפאלענע באקען. איין
אויסגעקראכען בערדיל, אלט מאריש געקלייד. א יוד מיט אלע
מעלות. ב"ה א גוטען טרונק בראנפען האט ער אויך נישט פיינד.
ער טרינקט נישט אנדערש נאר מיט א ביר-גלאז. און פערבייסט א
קאווע גלאז:
ווי בינטשע האט איהם דערזעהן זאגט זי אזוי צו איהם ר׳
לייזער זאטשע מוחל קומט נאר אהער. דער ר׳ לייזער האט
וואס בינטשעשי, פרעגט אזוי ר׳ לייזער. נעמט ר׳ לייזער ארויס
געמיינט אז זי רופט איהם אויף א שבע ברכות, די בינטשע
די פישקע און איז בינטשין מכבד מיט א שמעק טאביק, און זי האט ר׳ לייזערן פערשפריי
האט זיך ווער שטארק צוגאסען.



דאס גאנצע פנים. פרעגט אזוי ר׳ לייזער מאנעלעס בינטשין. ביי
שבע ברכות.
שעמען איז עס היינט א שבע. וואס פאר א שבע
בינטשע, ר׳ לייזער נאט איז מיט איך. פרעגט אזוי ר׳ לייזער ביי
ברכות. איך דארף פשוט האבען עדות. פרעגט
ווען איז עס היינט א גט.
בינטשע. וואס רעדט איהר ר׳ לייזער וואס פאר א גט. עפיס
האבען אידר זיך קילעוואטע. איך דארף נאר פשוט האבען עדות.
ר׳ לייזער. נו זאגט מיר שוין וואס פאר עדות דארפט איהר
האבען. אפשר אויף א חליצה. אפשר קען איך אויך זיין א עדות.
זאגט אזוי בינטשע טאקי דאס וויל איך אז איהר זאלט זיין מיין עדות.
ר׳ לייזער. נו מעגט איהר דאך שוין אודאי הייסען געבען א
טרונק בראנפען.
בינטשע. מילא עס איז דאך נאר א טרונק בראנפען. ר׳ לייזער
טהוט א גרויסען טרונק בראנפען און ער טרינקט צו בינטשען לחיים,
און ער זאגט איהר צו אז ער וועט זיין איהר עדות. וואס עדות
און ווען עדות. נישט ער פרעגט זי. נישט זי דערצעהלט איהם.
און א גוטען טאג בינטשע איהר זאלט שוין למעה"ש קיין אנדערען
עדות נישט נעמען.
בינטשע געהט אוועק זיך שאפען נאך איין עדות. טרעפט זי
אזוי אויפ'ן גאס ר׳ יוסעלע פאזנער. דער ר׳ יוסעלע איז א ביסעל פאנ-
פעוואטע א הויכע פלייצע. ער שיקילט א ביסעל מיט די אויגען. א
קאלטעגעוואטע באָרד.
בינטשע פערלייגט דעם גראבען פינגער אויף די באק און זי
זאגט אויף די נידעריגע שטימע. גוט מארגען ר׳ יוסעלע, גוט יאהר
בינטשע וואס טהוט איהר עפיס אויפ'ן גאס פרעגט אזוי ר׳ יוסעלע
עס איז דאך גאר נישט אייער שטייגער ארום צודרייען זיך אויפ'ן
גאס. בינטשע בלייבט א ביסעל שטעהן, און זאגט ר׳ יוסעלע איך
וועל אייך זאגען דעם רעכטען אמת, איך דארף האבען איין עדות.
פרעגט אזוי ר׳ יוסעלע וואס פאר איין עדות. זאגט בינטשע עס מעג
זיין ווער עס איז.
דער ר׳ יוסעלע שטאפט אן א לולקע טוטין און פערדרייכערט די
לולקע און ער הויבט אן צו לאזען א נידעריגען רויך. בינטשע איז
שיער דערשטיקט געווארען שטעהענדיג לעבען איהם. און א גוטען
טאג ר׳ יוסעלע איהר זאלט וויסען אז איך פערלאז מיך שוין
אויף אייך.

דער ר' יוסעל נעהט אהיים צו דעם ווייב און הייסט זיך מאכען א גוטען אנבייסען. און ער דערצעהלט דעם ווייב אז ער וועט זיין איין עדות. דאס ווייב פרעגט איהם וואס פאר איין עדות וועסטו זיין. דער ר' יוסעל ווערט זייער בייז. און זאגט אזוי צום ווייב וואס איז דאס דיין געשעפט אז איך וויים ניט ווילסטו וויסען. און ער האט זיך טאקי נאר פשוט געבייזערט ער האט איהר געזאגט א פאר מאל קליפה, מכשפה, שטיק צרה. ביז דאס ווייב איז אויך געווארען גוט אין כעס. עס האט שוין קנאפ וואס געפעהלט אז די לייט זאלען זיך שלאגען. נאט האט געהאלפען דער כעס איז געשטילט געווארען. ר' יוסיל האט אבגעגעסען אנבייסען און האט זיך געלייגט שלאפען, ע לאז מיר לאזען ר' יוסלען א ביסעל שלאפען. און מיר וועלען זיך געזעהן מיט בינטשען...

בינטשע געהט צו איהר קאמפאניע מיט גרויס שמחה און דערצעהלט אז זי האט שוין צוויי עדות. מען זאל ניך געהן אויפ'ן בית הקברות קברים רייסען. און פעלד מעסטען. און אנציינדען ליכט אין די שוהלען, און געהן מיט דעם רעכטען פוס צו דער ספראווע. טאקי אזוי ווי באשע אדעס האט געהייסען.

בינטשע מיט די גאנצע קאמפאניע האפען שוין אז עס זאל ווערען נאכט. און זייגער צוועלף ביי נאכט וועט מען געהן אויף דעם בית הקברות.

ליבע לעזער איך מוז אייך בעקאנט מאכען פאר וואס זיי מוזען זיין אויפ'ן בית הקברות נאר זייגער צוועלף ביי נאכט.

ווייל די צדיקים וואס בינטשע דארף נעהן צו זיי. האבען זיך צומיינסט בעשעפטיגט נאר נאך האלבע נאכט.

איינער האט ביי נאכט אויפגעקויפט עופות, איינער האט גע-קייפט בהמות. וואס נאט האט בעשערט. אזוי ווי זיי זענען פאר'ן לעבען אויף געווען ביי נאכט זייגער צוועלף זענען זיי געוויס היינט אויך אויף וועלען זיי געוויס דערהערען בינטשעס געבעט און זיי וועלען לויסען און בעטען פאר בינטשעס יועגען.

ווי עס איז געקומען זייגער צוועלף ביי נאכט איז בינטשע געגאנגען מיט איהר קאמפאניע גלייך אויפ'ן בית הקברות און זי האט געזאגט א פאר ברעטלעך פון מענה לשון. אזוי ווי איהר שטייגער אי.

בינטשע איז געגאנגען פריהער און די קאמפאניע נאך אהין. און זי איז געגאנגען גלייך אויף דעם קבר פון ר' מרדכי בנימין ד' איז געווען א גרויסער צדיק זכותו יגון ואנחה.



פאר'ן לעבען האט אויך קיינער מיט איהם ניט געוואלט דערטשעפען, דארף מען אצונד אויך מיט איהם ניט צו דערטשעפען.

בינטשע האט זיך געטהון א צולייג אויפ'ן קבר. און זי האט דריי מאל געקושט אין קבר אריין. און זי האט געזאגט פון מענה לשון דאס וואס מען זאגט אויף קברי צדיקים. דערנאך האט זי געזאגט כזה הלשון.

איך בינטשע בת יאחפעט בין געקומען מיט א צובראכען הארץ און מיט א שווער געמיט און איך בעט פון אייך ר' מרדכי בנימין אז איהר זאלט לויפען און בעטען פאר מיינעט וועגען. און איהר זאלט מיטנעמען מיט זיך נאך א פאר צדיקים. און איהר זאלט אלע מסכים זיין אז איך בינטשע בת יאחפעט זאל ארויסקומען ריין פון די ספראווע.

זי האט זיך געניינגט דריי מאל צום קבר און זי האט געזאגט א גוטע נאכט ר' מרדכי בנימין.

און זי האט געטהון א שטרעק אוים דעם רעכטען פוס און זי איז געגאנגען גלייך אויף דעם קבר פון הצדיק ר' וושא זאמב, ער איז געווען אשטארקער אומן יד, ער איז נפטר געווארען בנטילת ידים.

זי האט אויף דעם קבר אויך פערברענגט גרויסע תפלות און זי איז געגאנגען נאך אויף עטליכע קברים.

די אלע דריי היימישע מענטשען וואס פאר'ן לעבען האבען זיי זיך שטארק ליעב געהאט, אפילו אז זיי פלעגען געהן מאכען געשעפטען איז אויך איינער אן אנדערען ניט געגאנגען.

עס האט נאר וואס אנגעהויבען בלאען אויף טאג, האט בינטשע געזאגט צו דער קאמפאניע מען דארף שוין געהן אהיים אביסעל זיך ליינען שלאפען ווארום זייגער צעהן אין דער פריה דארף שוין זיין די אפעלאציע דארף מען זיך מסדר זיין ווי אזוי צו טענה'ן פאר'ן סענרזע. לאמיר בינטשען לאזען ליגען און מיר וועלען זיך נעמען צום ראזאר.

ויהי היום איז פונקט אין דעם טאג וואס די אפילאציע האט געדארפט זיין איז געווען א יאהר יריד אין סמאק. איז דער ראזאר געפאהרען אויפ'ן יריד קויפען א קוה. דער ראזאר איז ארויסגעגאנגען אויף דעם פערדם מארק און ער האט געקויפט א דארע קוה מיט א גראבען ווייבעל. ער האט בעצאהלט פאר די קוה 77 גילדען. דער ראזאר נעהמט מיט דעם פויער אין קרעטשמע אריין. און ער מאכט א שטארקע פארע. דער פויער נעהמט זיך ארויס און זיין ווייב און דער ראזאר נעהמט ארויס פון די קרעטשמע און נעהמט אן די קוה ביי דעם הארץ. ווי ער פארט א... נעהמט פערכבי א פויער און רעד.

קענט די קוה. און ער פרעגט אזוי דעם דאזאר וואו האסטו גענומען
די קוה. דער דאזאר בלייבט שטעהן זעהר דערשראקען ער ווייסט
איהם גאר נישט וואס צו ענטפערען.

דער פויער רופט צו דעם סאלטעס מיט'ן פאליציאנט. און
שלעפט דעם דאזאר מיט די קוה אין קאנצעלאריע אריין. דער פויער
דערצעהלט דעם וואיט אז די נאכט האט מען ביי איהם די קוה
פון שטאל ארויסגענומען. איז ער געלאפען אויפ'ן יריד און ער האט
זי דערקענט ביי דעם יוד. דער וואיט נעמט גלייך דעם דאזאר און
זעצט איהם איין. און די קוה גיעט ער אוועק דעם פויער. לאז מיר
לאזען דעם דאזאר זיצען און מיר וועלען גיהן צו די צוויי עדות.

ר' לייזער מאנעלעס. ר' יוסעלע ראזינע.

ר' לייזער מאנעלעס האט נאר וואס אבגעדאווענט איז ער גע־
גאנגען גלייך אין שענק אריין טהון א טרונק בראנפען ווי ער קומט
אזוי אין שענק אריין טרעפט ער ר' יוסעלע ראזינער און האלט אין
דער האנד א שפארע כוסה. דער לייזער וואונדערט זיך זעהר אויף ר'
יוסלען און פרעגט איהם יוסעלע וואס איז די מעשה מיט דיר וואס
טרינקסטו עפים היינט מיט אזא גרוים גלעזיל. די וועסט זיך שוין
באלד אוים גלייכען מיט מיר. עס מוז עפים זיין נייעס ווארום דער ר'
יוסעלע איז א קליינער טרינקער.

הנם עס איז דעם שענקער אויך געווען א חידוש. נאר דער
שענקער מוז דאך שטיל שווייגען.

דער ר' יוסעלע טהוט ר' לייזערן ארויף אוועק אין א זייט,
און זאגט איהם לייזער שוויינ שטיל דו זאלסט וויסען נאר פשוט אז
איך בין היינט איין עדות.

ווי דער ר' לייזער דערהערט דאס. טהוט ער א גרויסען לאך
און זאגט גם אני בחלומי: איך בין אויך היינט איין עדות.

ליעבע לעזער איהר קענט אייך גאר נישט פארשטעלען די
שמחה פון די צוויי לייט. הכלל מען מאכט נישט קיין לאנגע טענות.
ר' לייזער הייסט אנגיסען צוויי ביר גלעזער מיט אקעוויט. און ר'
יוסעלע האט אויך געהייסען אנגיסען די איינענע פארציע. ווי מען
האט די צוויי ביסלעך בראנפען אויסגעטרינקען האבען זיך די ביידע
לייט צורעדט. זיי האבען גערעדט שרעקליכע דבורים.

רופט זיך אן ר' לייזער צו ר' יוסעלען. יוסעלע ווייסט וואס איך
וועל דיר זאגען מיין דעה וואלט געווען אז די זאלסט גיהן שלאפען.
זאגט אזוי ר' יוסעלע צו ר' לייזערן מיין דעה וואלט געווען



אז דו זאלסט גיהן שלאפען.

ווי דער שענקער הערט אזוי אוים די מקנות האט ער פסק
נאר פשוט מורא אז די צוויי לייט זאלען זיך דערווייל גישט שלאגען.
זאגט אזוי דער שענקער. און מוהט א שמייכעל. דאס גלייכסטע וואלט
געווען אז איהר זאלט ביידע גיהן שלאפען.

די צוויי לייט זענען זיך מיישב און עס איז זיי געפעלען
דעם שענקערס עצה. און האבען ביידע מסכים געווען אז מען
דארף אזוי טהון.

נו די צוויי עדות געהען שוין צו מול שלאפען. און די אפילאציע
דארף שוין באלד זיין.

בינטשע גיהט ארויס אויפ'ן גאס זעהן זיך מיט די עדות. זי
דרעהט זיך נעבעך ארום אויפ'ן גאנצען שטעדטיל און זי זעהט נישט
די עדות זי ווייסט גאר נישט וואס צו קלערען. האט זי זיך מיישב
געווען זי וועט דערווייל גיהן אין סאנד אריין מן הסתם וועלען שוין
די עדות אנקומען.

בינטשע קומט אין סאנד אריין, זי זעהט נישט דעם דאזאר.
זי זעהט נישט די עדות. זי ווייסט גאר נישט וואס איבערצוקלערען.
דער סענדזע רופט אויף דעם דאזאר מיט די עדות צו דער ספראווע.
עס רופט זיך קיינער נישט אן. ווי דער סענדזע טהוט ארוף אוים
בינטשע צוצאקאווסקע טהוט בינטשע א געהע צו זעהר דערשראקען
און זאגט בזה הלשון.

פראשע פאני סענדזע. יא טא יעסט אן נימא. עדות ניע
נימא. יאק אן נימא טא יא ני מא. פראשע פאני לאסקאווע
ספראווע מיש נימא.

דער סענדזע האט זעהר געלאכט. נאר אויסהערען מוז ער דאך.
די ספראווע איז אבגעפאלען, און בינטשע גיהט אוועק.

ווי בינטשע קומט ארויס אויפ'ן גאס האט זי דערהערט עפיס
א גערעדעריי אין שטעדטיל אז מען האט דעם דאזאר אין סטאק אויף
דעם יריד איינגעזעצט.

ווי בינטשע דערהערט די בשורה חאפט זי גיך דאס פארטיכל אין
דער האנד און טהוט זיך א רייב די הענד אין דער ערד
און זאגט געלויבט ביסטו גאט וואס איך האב דערלעבט. און
זי לויפט גיך צו איהר קאמפאניע. אלע האבען געזאגט אז מען זעהט
ארויס בעשיינפערליך אז בינטשעס תפילות. און די תפילות פון די
צדיקים וואס שטעהען אויבען געשריבען. האבען דערגרייכט א זכות

בינטשע זאל געהאלפען ווערען. און זאל ניצול ווערען פון די תפיסה. און האט נאך דערלעבט אין שונא א נקמה.

אלע מיט א גרויסע שמחה מזל טוב בינטשע.

די בינטשע איז נישט פויל זי נעמט זיך צו דער קעשענע און זי חאפט ארויס א דרייער און שיקט א שליח אין גאס ארײַן ער זאל ברענגען פאר דרייַ גראשען געוואטענעם ארבעס.

עס האט גאר נישט לאנג געדויערט. דער שליח איז שוין דא מיט'ן ארבעס.

בינטשע האט זיך אליין מטריח געווען. און אויסגעטיילט די ארבעס.

און האט געזאגט ליבע קאמפאניע דאס זאל אייך וואוהל בע־קומען היינט דארפען מיר זיך משמח זיין א גאנצע טאג.

דער היינטיגער טאג איז ביי מיר אזוי ווי יום טוב.

בינטשע מיינט טאקי אז זי איז שוין איבערגעקומען דעם טאג. א גאנצען טאג איז בינטשע ארומגעגאנגען מיט איהר קאמפאניע לוסטיג אויפ'ן העכסטען גראד.

דאנערשטיג פאר נאכט מען דארף שוין געהן צו מנחה געהט בינטשע אויך אין שוהל ארײַן.

ווי בינטשע קומט אויפ'ן שול הויף הערט זי עפעס א געוויש א גע־פילדער א געקריהערײַ.

פרעגט זי וואס איז דא אזא געפילדער. געהט צו איהר ר' שמעלקע קובעל, און ר' לייב טאטער און זאגען איהר סמייטש בינטשע איהר ווייסט גאר נישט מען האט היינט דעם דאזאר ארויסגעלאזט פון דער סטאקער תפיסה:

די בינטשע בלייבט שטיין טויט ווי אלע טויטע. זי ווייסט שוין גאר נישט וואס צו ענטפערן. ביז זי איז א ביסעל צו זיך גע־קומען. זאגט זי אזוי שמעלקע לעבען וואס רעדט איהר. גאר פשוט מען רופען זיי זיך אן אט דאס וואס איהר הערט. האט דעם דאזאר ארויסגעלאזט פון דער סטאקער תפיסה,

די בינטשע געהט נעבעך שוין מיט א פערביטערט הארצען אין שול ארײַן. זי האט נעבעך דעם גאנצען קרבן מנחה סידור אבגע־נאסען מיט הייסע טרעהרען.

בינטשע געהט ארויס פון דער שול גלייך צו דער קאמפאניע און דערצעהלט זיי אזוי דאס אומגליק די קאמפאניע. די קאמפאניע זענען אויך שטארק צורודערט געווארען. נאר



בעסער קען מען נישט מאכען מען מוז זיך פערלאזען אויף גאט.

ווי דער דאזאר האט זיך א ביסעל אבגעהוהט פון דער תפיסה דערמאנט ער זיך אז איינם האט ער געדארפט שטעהן מיט בינטשע צו דער אפילאציע.

דער דאזאר לויפט גיך צו דעם סענדזשע זעהר פעריאחמעט. דער סענדזשע הייסט איהם מוחל זיין און זאגט איהם אז די ספראווע איז צו נישט געווארען. הגם דעם דאזער האט א ביסעל פערדראסען אויפ'ן סענדזשע, נאר מען מוז דאך שטיל שווייגען.

דער דאזאר טראכט אזוי ביי זיך נו נו פון דעסטוועגען וועל איך עס איהר נישט שווייגען.

פרייטאג ביי טאג האט דער דאזאר געשיקט דעם בית דין שמש צו בינטשען אז זי זאל קומען צום דין תורה. דער שמש איז געקומען צו בינטשען און האט איהר גערופען צו דער דין תורה.

בינטשע האט אפילו נישט געהאט קיין צייט דען זי האט נאך נישט געהאט דעם איל אויסגעשפריצט א קוגעל צו מאכען פון דעסט־וועגען האט זי אלע ארבייט אוועקגעלעגט און איז געגאנגען גלייך צום רב. די ביידע בעל דינים שטעלען זיך אנידער פאר דעם בית דין.

דער דאזאר הייבט אן צו זאגען פאר וואס האט די מרשעת גע־שלאגען מיין יונגעל, פאר וואס האט זי איהם א קניפ געטהאן אין דער האנד ארײַן. הייליגער רבי איהר קענט דאך אויך מיין יונגעל, ער דערטשעפעט נישט א פליג אויף די וואנד. נו וואס פאר א חוצפה און א העזה האט זי געהאט מיין יונגעל צו שלאגען.

ערשט געהט צו בינטשע און הייבט אן טענה'ן: הייליגער רבי איהר ווייסט גוט אז א מנהג ברעכט א דין. דא אין שטעדטיל איז א מנהג אז א נקבה געהט פון טבילה דארף זי זיך אנריהרען אן א יונגעל. מיין האב איך איהם נישט געטהון נאר חאס אנגעריהרט ביי דעם הענטיל. ווער זאל עס ווייסען אז עס וועט ארויסקומען אזא קאך. גלייבט מיר הייליגער רבי. איך קען שווערען ביי אלעם הייליגען ווען איך זאל ווייסען אז עס וועט ארויסקומען אזא קאך וואלט איך נאר קיין טבילה נישט געגאנגען. נאר מן השמים איז מיר עפעס בעשערט אבצוקומען פאר מיינע חטאים.

דער רב האט זיך געהייסען צאהלען פסק געלד. דער דאזאר האט נאר גאר ביי זיך נישט געהאט קיין געלד. האט ער דערווייל גע־

ליגען בײַ דעם בית דין שמש. און דער דאָזער האָט אַנידערגעלעגט אויפ'ן טיש זיבעצין גראָשען.

און בינטשע האָט געלעגט אַ קעגען זיבעצין גראָשען.

און דער רב האָט געהייסען די צוויי בעלי דינים בינטשע מי[ט] דעם דאָזער אָבטרעטען.

ווי דער דאָזער מיט בינטשען געהען אַרויס פון רבס שטוב האָבען זיך אין דרויסען אָנגעהויבען איבער צו ווערטלען.

בינטשע האָט געבראַכט דעם דאָזער גיט אין כעס אַרײַן. האָ[ט] דער דאָזער געוואָלט צולויפען צו בינטשען און טאַקי גאָר פשוט גע[...] וואָלט שלאָגען.

האָט בינטשע אָנגעהויבען שרײַען געוואַלד עס איז געוואָרען אין דרויסען אַ גרויס געוואַלד, גאַנץ בית דין איז אַרויסגעלאָפען אין דרויסען. און מען האָט די צוויי לײַט נעכאַפּט אין שטוב אַרײַן.

דער רב איז זייער בייז געוואָרען. ער האָט געזאָגט צווישען ביידע לײַט ווײַל איך מיך גאָר נישט אַרײַנמישען.

ובפרט עס איז שוין באַלד צײַט צו געהן מקבל שבת זײַן. איז גלײַכער אי"ה זונטאָג אין דער פריה זאָל דער דאָזער זיך נעהמען דרײַ בוררים. און בינטשע זאָל זיך אויך נעהמען דרײַ בוררים. און אַזוי ווי די בוררים וועלען אויסגלײַכען אַזוי מוז בלײַבען.

זיי זענען ביידע בעשטאַנען אויף דעם און זיי האָבען געזאָגט דעם רב אַ גוטען שבת און זיי זענען בשלום אַהיימגעגאַנגען.

אַ גאַנצען שבת האָט דער דאָזער געקלערט וועמען ער זאָל נעמען פאַר בוררים.

און בינטשע האָט אויך נישט געוואוסט וועמען איבער צו געבען דאָס געשעפט.

הכלל דער דאָזער האָט זיך אויסגעקליבען די דרײַ בוררים

ר׳ צדוק לאַקש.

קאַרסקע מלמד.

דער געשטיפּעלטער סטאָלאַרש.

און ער האָט טאַקי אויסגענומען די האַגר פון הארץ און ער האָט זיך אָנגעטרונקען אונגעאַנצען צו זיי.

און בינטשע האָט זיך אויסגעקליבען דרײַ פּאַרשוין פון [...] [...]ענע מענטשען.

ר׳ [illegible].

ר׳ [illegible].

ר׳ יודל גראַטש.

אַזוי ווי די דרײַ פילאָזאָפען וועלען מאַכען אַזוי וועט בינטשע אַודאי בעשטעהן.

זונטאָג אין דער פריה איז געקומען בינטשע מיט איהרע בוררים און זענען געגאַנגען צו דעם דאָזער.

דער דאָזער האָט געשיקט נאָך זײַנע בוררים. די בוררים זענען אַלע געקומען און די חברה האָבען זיך געזעצט צו דעם טיש און [...]ען האָט געקלערט וואָס פאַר אַ פסק מען זאָל בינטשען אַרויסגעבען.

הכלל מען איז אָבגעזעסען פיער שעה אויף דעם זייגער. און זיי האָבען זיך נישט געקענט אויסגלײַכען.

ווי די חברה זיצען אַזוי און קלערען. טהוט זיך אַרוף אַן ר׳ קראַסקע מלמד, איינער פון די בוררים מײַן עצה וואָלט געווען אַז מען זאָל נעמען אַ יאַרמעלקע און מען זאָל אַרײַנלעגען זעקס קוויטלעך פינף קוויטלעך לעדיגע. און אויפ'ן זעקסטען קוויטעל זאָל שטעהן אָנגעשריבען זכה בגורל און ווער עס וועט אַרויסנעהמען דעם זכה בגורל דעם זאָל מען פערבינדען די אויגען מיט אַ רויטע פאַטשײלע, און די פינף בוררים זאָלען זײַן אין שטוב און וועמען דער פערבינדער וועט כאַפּען אויף דעם בורר וועלען זיך מוזען אַלע פינף בוררים פערלאָזען.

די חברה האָבען זיך אַ ביסעל מיישב געווען. און האָבען זיך [...] מיט אַ מאָל געטהון אַרוף אַן.

ר׳ קראַסקע מלמד איז גערעכט, ערשטענס איז ער אַ יוד אַ בן תורה איז ער ווערט אַז מען זאָל זיך פערלאָזען אויף איהם. צווייטענס וועלען זיך נאָך פיעל מענטשען קענען דערפון אַ מוסר אַרויסנעמען.

וואָרום דאָס גאַנצע געשעפט וואַקסט אַרויס פון אַ יונגעל. און די חדר יונגלעך שפּילען אין פערבלענדעניש איז טאַקי גאַנץ גלײַך אַז מען זאָל אַצונד אויך איינעם פערבינדען די אויגען וועט מען זעהן [...] דער אויבערשטער בעצאָהלט מדה כנגד מדה.

קאַרסקע מלמד טהוט אוים די יאַרמעלקע און ער לעגט אַרײַן פינף קוויטלעך לעדיגע. און אויפ'ן זעקסטען קוויטעל שטעהט אָנגעשריבען זכה בגורל. און ר׳ קאַרסקע מלמד טהוט אַ געשרײַ אויף די גראָבע שטימע רבותים יעדערער זאָל זיך פערשאַרצען דעם אַרבעל פון די רעכטע האַנד און אַזוי זאָל מען ציהען די קוויטלעך אין אַ גוטע שעה. דער געשטיפּעלטער סטאָלאַרש טהוט אַרײַן [...] האַנד און נעמט אַרויס דאָס קוויטעל זכה בגורל.

[illegible]

ר' קארסקע מלמד איז זיך אליין מטריח און ווארפט ארויס דעם טיש מיט די בענק און ער נעמט ארוים פון זיין אייגענע קעשענע די רויטע פעטשטשילע און ער נעמט דעם געשטיפעלטין סטאלארש און בינט איהם גוט צו די אויגען און מאכט פון אינטען צוויי שטארקע קניפען. און ער טהוט דעם סטאלארש א שטעל אנידער אין מיט'ן שטוב אין קארסקע טראגט זיך אב.

דער סטאלארש נעבעך שטעהט אזוי ווי אנגעמאכט ערגער ווי אויף דעם עולם התוהו.

ער שטעהט אין ערך פון האלבע שעה דערנאך איז ער זיך מישב און הויבט אן ארום צו געהן איבער'ן שטוב און ער האט גע־פהון ר' צדוק לאקש א חאפ אן ביי דעם ארבעל און ער האט איהם שוין נישט אבגעלאזט, קארסקע מלמד איז צוגעלאפען צו דעם גע־שטיפעלטען סטאלארש און ער האט איהם אויפגעקניפט די רויטע פאטשטשילע. און ער האט אריינגענומען דעם טיש מיט די בענק,

און ר' צדוק לאקש האט מען געזעצט אויבען אן, און די גאנצע קאמפאניע וואס זענען דארט געווען. האבען געזאגט דריי מאל מזל טוב ר' צדוק לאקש.

ר' צדוק לאקש איז טאקי געזעסען כמלך בגדוד.

דער עולם האט זיך א ביסעל אבגערוהט און ר' צדוק לאקש האט אנגעהויבען קלערען דעם פסק. דאס האט אזוי געדויערט אין איין ערך פון צוויי שעה.

אין דעם טהוט זיך ר' צדוק לאקש א שטעל אויף מיט נעם בזה הלשון איך צדוק זאג אז בינטשע איז דער גאנצער בעל חייב, ווען נישט בינטשע וואלט דעם דאזארם יוננגעל נישט געקריגען א קנים אין די תאגר אריין.

איבער דעם זאג איך ר' צדוק לאקש. אז בינטשע זאל זיך באלד אויסטהון די שיך און זי זאל געהן איבער'ן גאנצען שטעדטיל אין די זאקען און זאל זאגען רבותים אמנם חטאתי איך האב טאקי געזינדיגט און איך האב נאר אומזיםט דעם דאזערם יוננגעל א קנים געגעבען.

איבער דעם רבותים בין איך געקומען פריהער צו גאט און דערנאך צו אייך. און איך בעט אייך איהר זאלט מיר מוחל זיין.

בינטשע האט זיך נישט געפוילט. און זי האט טאקי גאר פשוט באלד אויסגעטהון די שיך און איז געגאנגען גלייך אין שול אריין און זי האט אזוי געטהון אלץ ווי ר' צדוק לאקש האט גוזר געווען.



בינטשע איז אהיים געגאנגען פון דער שול.

מארגען אין דער פריה איז געשטאנען אנגעקלעבט פלעטער אויף אלע דרענגער פון די שול. און אויף אלע יאטקעס. און אין אלע אונטער־געסלעך. טאקי כתב יד פון רב בפירוש ארויסגעשריבען בזה הלשון.

איך בין מודיע אלע נשים די וואס וועלען געהן צוריק פון די טבילה זאלען אויפ'ן וועג קיינעם נישט דערטשעפין.

און די יודינע וואס וועט נישט וועלען פאלגען טאר זיך איהר פוס נישט געפינען פיר וואכען אין שול, און אויף די פינפטער וואך וועט זי מוזען געהן צום רב א תשובה ארויס נעמען.

יעצט ליעבע לעזער וועלען מיר אנהייבען מאכען א נייע באד. הגם דער מאגיסטראט לאזט נישט בויען. נאר מויערען. נאר דאס דארפט איהר דאך פערשטעהן אז אזא שטעדטיל מוז האבען א מרחץ.

נו פון וואנען וועט מען נעמען אזוי פיעל געלד צו מויערען א מרחץ.

איז געבליבען אז אלע בעלי בתים פון שטאדט זאלען זיך צונויפקומען און מען זאל מאכען איין אסיפה וועט מען שוין מן הסתם אויסמיטלען פון וואנען מען זאל מאכען א נייע באד נאר פריהער דארף מען מאכען א ליסטאציע אויף די אלטע באד.

דער רב האט ארויסגעשיקט דעם שמש נאך אלע בעלי בתים.

דאס גאנצע שטעדטיל איז זיך צונויפגעקומען צו דעם רב.

און דער שמש האט זיך ארויפגעשטעלט אויף די גרויסע באנק. און ער האט אנגעהויבען שרייען אויף דעם גראבען קול צוועלף רובל פאר די איינגעפאלענע באד. ער האט אזוי געשריגען אין איין ערך פון א האלבע שעה. און עס האט זיך קיינער נישט אנגערופען.

דער שמש האט שוין נישט געהאט קיין כח צו שרייען. האט זיך צו מזל אנגערופען איין בעל הבית ר' משה באלטאק איך גיב פופצען רובעל דערנאך האט זיך געטהון א רוף אן ר' ישעי' קאוע איך גיב אכטצען רובל דער שמש האט אזוי געשריגען אין איין ערך פון א שעה און עס האט זיך שוין קיינער נישט געוואלט אנרופען.

האט דער רב געטהון א געשריי צו דעם שמש אז ער זאל צו־קלאפען.

האט דער שמש געטהון א געשריי אכטצען רובעל פאר די באד צום ערשטען מאל און צום אנדערען מאל און צום דריטען מאל

זכה לו ר׳ ישראל קאוץ

און אלע בעלי בתים זענען צוגעגאנגען צו ר׳ ישראל קאוץ און האבען איהם אבגעגעבען א מזל טוב. ר׳ ישראל האט געשיקט נאך שנאפס. מען האט נאר וואס דעם שנאפס אויסגעטרינקען האט מען זיך באלד געזעצט צו דער אסיפה וואס מען זאל טהון מיט דעם געלד.

איז נעבליבען אײן דריטעל זאל מען אוועקגעבען אויף פרא־צענט צו הגביר ר׳ שמואל קאפעלם. ער איז א גרויסער בעל בטוח.

פון דעם קרן זאל מען קיינמאל נישט ריהרען.

און וואס עס וועט אנוואקסען פראצענט זאל דער דאזער אפ־נעמען און ער זאל דערפון מאכען א תלמוד תורה.

און דאס צווייטע דריטעל זאל מען אוועקגעבען בינטשען אויף פראצענט. פון פראצענט וועט זי חתונה מאכען ארעמע יתומים.

און דאס קרן וועט געוויס בלייבען קרן.

און די רעשט געלד זאל מען אוועקגעבען דעם פריץ וואס ער וואהנט נישט ווייט פון שטעטיל. אין דעם דארף סטאיארלעם. דער פריץ האט בדעה צו פערזייען א וואלד זאל מען איהם דאס געלד אוועקגעבען און די ערשטע ביימער וואס וועלען ארויסוואקסען אין אכציג יאהר ארום זאל קערען צו דער באד.

ליעבע לעזער אויב איהר ווילט האבען פערגניגען מאכט איהר אין אכטציג יאהר ארום אריבערפאהרען אין דעם שטעטיל אריין זעט איהר זעהן ווי מען הייבט אן צו ארבייטען א נייע באד.

ALMON MARMOR
YORK